**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/30/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 2.2 מיליאן דאלאר צו באקומען פאר פראגראמען וועלכע פארבינדן ניו יארקער מיט אדיקשען סערוויסעס

***'[פארבינדונגען צו קעיר](#)' איניציאטיוו אויפגעשטעלט צו פארבינדן באפעלקערונגען וועלכע האבן נישט גענוג סערוויסעס צו אדיקשען סערוויסעס און קריטישע שטיצע***

***גרענטס זענען די לעצטע צו אויסגעטיילט ווען פון ניו יארק סטעיט'ס אפיויד סעטלמענט קאסע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 2.2 מיליאן דאלאר פון די סטעיט'ס אפיויד סעטלמענט קאסע (Opioid Settlement Fund) צו העלפן פארבינדן שוואכערע ניו יארקער מיט אדיקשען סערוויסעס און אנדערע שטיצע. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office of Addiction Services and Supports, OASAS), וועט די "פארבינדונגען צו קעיר" (Connections to Care) איניציאטיוו צושטעלן ביז אזויפיל ווי 11 גרענטס פאר בארעכטיגטע פראָוויידערס וועלכע פארבינדן מענטשן וועלכע זענען אין נויטבאדערפטיגע באפעלקערונגען וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויסעס, שטיצנדיג לאנג-טערמיניגע דראג באנוץ קראנקהייט ערהוילונג און אלגעמיינע וואוילזיין.

"א חלק פון אונזער צוגאנג צו די אדיקשען און אָווערדאָוז מגיפה – וואס רופט אויף יעדן צו ארויסהעלפן – איז צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער וועלכע ראנגלען זיך מיט דראג באנוץ קראנקהייט האבן צוטריט צו די קריטישע סערוויסעס וועלכע קענען זיי שטיצן אויף די וועג צו ערהוילונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די גרענטס וועלן העלפן אויפבויען א בריק צווישן די מענטשן אין אונזער שוואכסטע און מערסטע באזייטיגטע באפעלקערונגען און די לעבנס-ראטעווענדע סערוויסעס וועלכע קענען זיי העלפן זיך שטארקן איבער אדיקשען."

**OASAS קאמישאנער טשינאַזאָו קאנינגעהעם האט געזאגט,** "מיר זעצן פאר זיך צו קאנצענטרירן אויף צו אנקומען צו נויטבאדערפטיגע מענטשן וועלכע קענען זיך צומאל אנטרעפן מיט מער שטרויכלונגען צו אנקומען צו קעיר פאר אדיקשען. די געלטער וועלן אונז ערלויבן זיי צו בעסער פארבינדן צו ברייטע מעדיצינישע סערוויסעס צו שטיצן זייער אלגעמיינע געזונטהייט און וואוילזיין, און אזוי אויך זיי פארבינדן מיט אנדערע סערוויסעס וועלכע זענען קריטיש פאר די ערהוילונג."

די איניציאטיוו וועט צושטעלן ביז 11 גרענטס פון $200,000 צו שטיצן שאדן רעדוקציע, פיזישע און אויפפירוג געזונטהייט סערוויסעס צוזאמען מיט אנדערע שטיצע, אריינרעכענענדיג פארבינדונגען מיט טראנספארטאציע, שטיצנדע האוזינג פראגראמען און לעגאלע סערוויסעס. סערוויסעס דורך די איניציאטיוו קענען צוגעשטעלט ווערן דורך אנדערע וועלכע גייען אריבער ענליכע מצבים, קעיס מענעדזשערס אדער דורך קלינישע איינגעשטעלטע, דורך די טעלעפאן אדער פנים אל פנים.

געציהלטע באפעלקערונגען פאר די סערוויסעס רעכענען אריין טראגעדיגע פרויען אדער קימפעטאַרינס; יונגווארג אדער מענטשן צווישן די עלטער פון 18 און 25; מענטשן פון 55 און עלטער; און אזעלכע וועלכע זענען דיאגנאזירט מיט- אדער פארדעכטיגט צו האבן א טראומאטישע מוח קלאפ אדער אן אנטוויקלונג דיסאביליטי. די סערוויסעס זענען אויך געציהלט צו ארויסהעלפן מענטשן וועלכע קערן זיך צוריק צו זייער קאמיוניטי נאכן זיצן אין טורמע און אזעלכע וועלכע גלידערן זיך איין פון סטאביליזאציע און אפגעוואוינונג סערוויסעס אדער נאכן זיין אין א ריהעב אנשטאלט.

די פינאנצירונג וועט פארטיילט ווערן אין א פראצעדור פון אן איינלאדענונג פאר אפליקאציעס. די פרטים פון ווער עס קען זיין בארעכטיגט זענען אויסגערעכנט אין די [איינלאדענונג פאר אפליקאציעס](#).

**סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) קאמישאנער, דר. ען סאַליוואן, האט געזאגט,** "פארבינדן מענטשן מיט גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ פראבלעמען מיט סערוויסעס איז קריטיש, באזונדערס פאר מענטשן אין ראיאנען וועלכע האבן א גרויסע נויט און נישט גענוג סערוויסעס. די געלטער, און די פארבינדונגען צו קעיר וואס זיי שטיצן, וועלן העלפן אוועקנעמען שטרויכלונגען אויפן וועג צו העלטקעיר אזוי אז מער מענטשן זאלן קענען באקומען די באהאנדלונג און סערוויסעס וואס זיי דארפן צו אויספלאסטערן זייער וועג צו ערהוילונג."

ניו יארק סטעיט וועט באקומען מער פון 2 ביליאן דאלאר דורך פארשידענע סעטלמענט אפמאכן מיט אפיויד און מעדיצינען פירמעס וועלכע זענען פארזיכערט געווארן דורך אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס. א חלק פון די סעטלמענט געלטער וועלן גיין דירעקט צו לאקאלע רעגירונגען, און די רעשט וועט אריינגעלייגט ווערן אין א ספעציעלע קאסע צו שטיצן פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן רעדוקציע און ערהוילונג באמיאונגען צו אדרעסירן די אנגייענדע אפיויד מגיפה.

דער זעלבער געזעץ וואס האט איפגעשטעלט די ספעציעלע קאסע האט אויך אוועקגעשטעלט די אפיויד סעטלמענט קאסע אדווייזארי באורד מיט די אויפגאבע צו אהערשטעלן רעקאמענדאציעס איבער וויאזוי סעטלמענט געלטער זאלן פארטיילט ווערן כדי צו דינען די וועלכע נויטיגן זיך דערין אויפן בעסטן פארנעם. די באורד מיטגלידער האבן פארעפנטליכט זייערע ערשטע רעקאמענדאציעס נאוועמבער 1, 2022, שטעלנדיג אלץ הויפט פריאריטעטן צו פארברייטערן שאדן רעדוקציע סערוויסעס און באהאנדלונג.

ניו יארק סטעיט האט אייגעפירט אן אגרעסיווע, פיל-צייניגע צוגאנג צו אדרעסירן די איבערדאזע עפידעמיק, און באשאפן א פאלק-פירנדיגע המשך פון אדיקציע קעיר מיט פולע פארמיידונג, היילונג, גענעזונג און שאדן-פארקלענערונג סערוויסעס. די סטעיט האט געארבעט צו פארברייטערן צוטריט צו טראדיציאנאלע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג קריזיס סערוויסעס, אין-פעישענט, אַוט-פעישענט און באהאנדלונג פראגראמען וואו די פאציענטן וואוינען אויפן ארט, מעדיצינען צו באהאנדלען אדיקשען, און אזוי אויך מאוביל באהאנדלונג און טראנספארטאציע סערוויסעס.

גאווערנאר האוקאל איז געווען א מיטגליד פון די NYC הערואין און אפיאויד ספעציעלע קאמיסיע וועלכע האט אין 2016 רעקאמענדירט נייע, נישט-טראדיציאנאלע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג ערהוילונג צענטערן, יונגווארג קלאבהייזער, פארברייטערטע סערוויסעס פון מדריכים וואס זענען אליינס אריבער אדיקשען, און אפענע צוטריט צענטערן וואס שטעלן צו באלדיגע אונטערזוכונגען און שיקן פאר ווייטערדיגע קעיר. די סערוויסעס זענען זינט דאן אוועקגעשטעלט געווארן אין מערערע קאמיוניטיס ארום די סטעיט, און זיי האבן געהאלפן מענטשן אין נויט צו האבן צוטריט צו קעיר נאענטער צו וואו זיי וואוינען.

די OASAS זעהט איבער איינס פון די לאנד'ס-גרעסטע סיסטעמען פון קעיר פאר דראג באנוץ קראנקהייט מיט בערך 1,700 פארמיידונג, באהאנדלונג און ערהוילונג פראגראמען, דינענדיג איבער 731,000 מענטשן יעדעס יאר. דאס רעכנט אריין די דירעקטע אפעראציע פון 12 אדיקשען באהאנדלונג

צענטערן וואו דאקטוירים, נוירסעס און קלינישע שטאב מיטגלידער גיבן אינפּעישענט סערוויסעס פאר אומגעפער 8,000 מענטשן יעדעס יאר.

ניו יארקער וועלכע מוטשען זיך מיט אן אדיקשען, אדער וועמענס באליבטע מוטשען זיך מיט אן אדיקשען, קענען טרעפן הילף און האפענונג דורכן רופן די סטעיט'ס אומזיסטע, 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך HOPE האטליין אויף 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אדער דורכן טעקסטן צו 467369 (וואס שטייט פאר HOPENY).

אדיקשען באהאנדלונגען וואס זענען דא צו באקומען – אריינרעכנענדיג עמערדזשענסי/דיטאַקס, אין-פעישענט, פלעצער וואו פאציענטן וואוינען אדער אַוט-פעישענט קעיר – קענען געפונען ווערן דורכן נוצן די NYS OASAS באהאנדלונג אוועילעביליטי דעשבאָורד אויף [FindAddictionTreatment.ny.gov](FindAddictionTreatment.ny.gov) אדער דורך די [OASAS וועבזייטל](OASAS וועבזייטל).

אויב איר, אדער א באליבטער, האט געהאט פראבלעמען מיט אינשורענס וואס האט א שייכות מיטן היילונג אדער דארפט האבן הילף איינצוגעבן אן אפעלאציע פאר אן אפגעזאגטע תביעה, פארבינדט אייך מיטן CHAMP הילפליין 888-614-5400 אדער אימעילט [ombuds@oasas.ny.gov](mailto:ombuds@oasas.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418